# די אַנטשטייאונג פון דער „קדימה"

(זכרונות)

פון

## אייזיק הורוויץ

### געבורט

עס איז געווען אין יענע צייטן, ווען תוהו ובוהו האָט געהערשט אויף דער מעלבורנער „יידישער גאַס". יידן זענען זיך געזעסן רואיק. אַרום זיי האָט זיך אַ שימל־הויט פאַרצויגן און זיי האָבן גאַרנישט באַמערקט. גוטע יידן זענען זיי געווען, אויף וואָס עס קענען עדות זאָגן די יידישע אינסטיטוציעס פון יענער צייט, אייניקע שוין מיט אַ היפּשן פּעקל יאָרן געשיכטע הינטער זיך, אַנדערע גאַנץ פיין פאַרפונדעוועטע. אָט, צום ביישפּיל, האָבן שוין דעמאָלט עקזיסטירט דריי גרעסערע שולן און אַ קליין שולכל, אַ מנין, אויך אַ ביקור־חולים־געזעלשאַפט, אַ חברה קדישא און נאָך עטלעכע וואוילטעטיקע אַנשטאַלטן, וועלכע יידן גרינדן אין די אימיגראַציע־לענדער: „כו העלפּ דהי פּור בראַטהערן".

דער יידישער קיבוץ איז שוין געווען אַן אָנגעזעענער, אַ פאַרצווייגטער, אָבער דאָס יידישע לעבן איז געווען אַ דלותדיקס, אַ טרוקענעס, אַ פאַרפרוירענעס. אמת, יעדער ייד האָט לייכט געקענט געפינען אַ פּלאַץ, וווּ אויסצוגיסן זיין האַרץ פאַר גאָט, אויב ער האָט געדאַרפט בעטן אויף פּרנסה, אָדער אויף געזונט. אָבער ווען די ווינטן האָבן אַהער פאַרטראָגן נאָך ניט קיין אָפּגעקילטע, היציקע און פלאַקערנדיקע פרייהייטס־קעמ־





פער, וואָס די רעוואָלוציע און די נאָכוויִען פון דער רעוואָלוציע פון 1905 האָבן אין די טויזנטער אויסגעוואָרצלט און זיי אויף די ימים צעשפּרייט צו זוכן אַ מקום מנוחה, האָבן אָט די פרייהייטס־קעמפער, וועלכע דער גורל האָט צו די אויסטראַליער ברעגעס פאַרטראָגן, ניט געהאַט זיך וווּ אַהינצוטאָן.

אין די יאָרן 1906־1907, בעת די רעאַקציע האָט זיך צעבליט אין רוסלאַנד, איז אַ צאָל אינטעליגענטע יונגע מענטשן פון דאָרט קיין אויסטראַליע פאַרוואָרפן געוואָרן, און דאָ, אין דער שול־ און חברה קדישא־לופט אָנגעהויבן פוילן. אַ פיינלעכער ווי־געשריי האָט זיך גענומען טראָגן אין דער לופט, ווי נאָר צוויי־דריי פון אָט די צאַנקענדיקע קעמפער האָבן זיך באַוויזן. „מיר ווילן נישט אונטערגיין. מיר ווילן נישט אויסגעלאָשן ווערן". און יונגע נשמות זענען דאָס געווען, צאַפּלדיקע, הייס־בלוטיקע, וואָס האָבן זיך געריסן צו ליכט.

אין אַן אָרעם שטיבל אויף באַרקלי־גאַס, קאַרלטאָן, איז דאָס געווען. ביי די לעצטע ברעקלעך פון אַן אָוונט־מאָלצייט, האָט אין איינעם פון די זוכער ס'האַרץ זיך צעוויינט. אין דרויסן האָט אַ יאָמערדיק, שאַרפער אויגוסט־ווינט געקלאַפּט אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין. און אין דעם אָרעמען שטיבל האָט אַ מענטש שטיקער האַרץ אויסגעשפּיגן, געמאָנט און געפאָדערט: „פאַרוואָס, פאַרוואָס מוז דווקא איך זיין פאַרמשפּט צו פוילן דאָ, איך און איר. יאָ, איר אַלע, וואָס זיצט דאָ, איר פוילט, איר ווערט צו אַש און צו שטויב! גוואַלד, העלפט־מיט. לאָמיר רחמנות האָבן אויף אונזערע יונגע יאָרן. לאָמיר עפּעס אויפטאָן פאַר זיך, שאַפן אַ ווינקל, וווּ מיר זאָלן קענען אַ פריש וואָרט, אַ יידיש וואָרט לייענען, הערן. מיר גייען דאָך אויס דאָ אין שטומען שווייגן, מיר שטאַרבן דאָך אָפּ. מיר ווערן פאַרלאָשן!"

עס האָט געקלאָגט דער ווינט אין דרויסן. אין דער שטורעמדיקער אויגוסט־נאַכט, עס האָבן אין שטוב מיטגעקלאָגט און מיטגעוויינט צעבראָכענע, צעווייטאָקטע הערצער.

און געזאָגט האָט איינער פון דער חברה: „הערט אויס,

מיינע ברידער, וואָס איך האָב אייך צו זאָגן. אונז פעלט אַ פּלאַץ, ווו דאָס יידישע וואָרט זאָל געהערט ווערן; אַ פּלאַץ, ווו מיר זאָלן קענען זיך צוזאַמענקומען און אויסטוישן אונזערע מיינונגען, לייענען אַ יידיש בוך, האַלטן אַ פאָרטראַג און הערן זינגען אַ יידיש ליד. מיר דאַרפן אַ פּלאַץ, ווו מיר אַליין און אויך אַנדערע זאָלן קענען אַריינקומען און זיך פילן פריי פון דעם שול־גייסט, וואָס האַלט אונזער קיבוץ דאָ, ווי אין אייזערנע קלאַמערן; אַ פּלאַץ, ווו מיר זאָלן קענען זיך אָפּשאָקלען פון דער קאָרטן־פעסט. אונז פעלט אַ ביבליאָטעק און אַ לעזע־צימער, ווו ס'זאָל זיין צו באַקומען יידישע ביכער, יידישע צייטונגען. מיר מוזן זיין פאַרבונדן מיט די גרויסע יידישע ישובים, און פון זיי שעפּן די יניקה פאַר אונזער אויפהאַלט. אַ ביבליאָטעק און אַ לעזע־צימער, אָט דאָס פעלט אונז צו דערהאַלטן אונזער קיום. לאָמיר שאַפן אַ ביבליאָטעק. לאָמיר אָפּשפּאָרן פון אונזער אָרעמען ביסן און איינשאַפן זיך שפּייז פאַר אונזערע בענקנדיקע נשמות. מיינע פריינט, מיט אונזערע אָרעמע גראָשנס און מיט אונזער שטאַרקן ווילן וועלן מיר אונזער ציל דערגרייכן. לאַכט נישט פון מיר, איך בין נישט קיין בעל־חלומות. מיט אונזערע פענעס וועלן מיר אויפטאָן פּונקט אַזויפיל וויפיל יענע, וואָס האָבן דאָ די גרויסן דאַוון־שולן געבויט. איך גיב אָפּ מיין פאַרדינסט פון אַ טאָג אַרבעט אַלס אַ באַשטייערונג צו אַ פאָנד צו פאַרווירקלעכן מיין פאַרגעלייגטן פּלאַן".

ביי מאַנכע פון די צוהערער האָט אַ סטרונע אין דעם אידעלן געפיל־געוועב אָנגעהויבן זיך באַוועגן. ביי אַנדערע האָט אַ רחמנות־שמייכל, געמישט מיט חוזק, גענומען טאַנצן אויף די ליפּן: „אַ טאָג אַרבעט גיט ער אַוועק, דער נגיד, פון זיבעצן מיט זעקס אַ וואָך פאַרדינסט. ראָטשילד האָט פאַנאַנדערגעעפנט דעם טייסטער און גענומען וואַרפן מיט מטבעות. יאַלדע, מיט אַ טאָג פאַרדינסט, דריי באָב מיט אַ זעקס, וועט ער אויפבויען אַ ביבליאָטעק. אַפּגעריסענער שוטה!"

— הער־אויף טרייבן שפּאַס, חברים, האָט דער עלטערער פון דער גרופּע ערנסט און מיט געפיל אַפּעלירט. איך האַלט, אַז





דער חבר, וואָס האָט ערשט פריער גערעדט, איז גאָרנישט אומגערעכט. ער רעדט לאָגיש, און אויב נישט זייער פּראַקטיש, דאָך רעדט ער צו דער זאַך. אַז מיר דאַרפן אַ ביבליאָטעק, דאָס אַנערקענט איר דאָך אַלע. אַז מיט אַ פעסטן ווילן, קען מען עפּעס אויפטאָן, אויף דעם שטימט איר דאָך אַלע איין. נו, בלייבט נאָר די געלט־פראַגע. לאָמיר זיך פאַרטראַכטן איבער אַ פּלאַן. זאָל יעדער פון אונז, זאָגן מיר, אין אַ וואָך אַרום, קומען מיט אַ פּלאַן, ווי אַזוי ער דענקט עס וועט זיין אַמגרינגסטן צוצוטרעטן צו דער אַרבעט פון אויפשטעלן אַ ביבליאָטעק, אָדער אָרגאַניזירן אַ חברה, וועלכע זאָל האָבן אַלס איר אויפגאַבע צו גרינדן אַ ביבליאָטעק. איך בין זיכער, אַז עס לאָזט זיך פיל אויפטאָן אויף דעם געביט אַפילו דאָ, אין דעם פאַרשלאָפענעם, אָפּגעשטאַנענעם מעלבורן.

אין דעם אַרבעטער־שטיבל, אויף באַרקלי־גאַס, האָט אַ שטראַל פון האָפענונג אויפגעבליצט און באַלויכטן די צעהיצטע, פאַרחלומטע פּנימער פון די פאַרהאָרעוועטע, אויסגעמאַטערטע און פאַרבענקטע לוין־אַרבעטער.

זיי האָבן שוין אין דעם שאָטן פון אַ חלום געזען דעם געבורט פון אַ טרייסט.

## אויפקום

אין אַ באַלעבאַטיש־געפּוצט הויז, אויף גריי־סטריט, איסט מעלבורן, איז אַ ייד געזעסן און געגריבלט זיך אין דעם פאַרפּלאָנטערטן מורה נבוכים, אין דעם האַרבן כוזרי און אין כל כתבי מענדעלע מוכר ספרים. אַ ייד, אַ בר־דעת איז ער געווען, אַ משכיל און אַ תלמיד חכם, און מיט אַ פונט שטענדיק אין קעשענע, וועלכן ער איז צו יעדער צייט גרייט געווען אָפּצוגעבן אויף תורה ודעת־צוועקן. און אויך דער ייד האָט געקלאָגט אויף דער שכינה, וואָס ריכט אָפּ גלות ביים מעלבורנער יידנטום. אויך זיין האַרץ האָט געקרענקט און געבלוטיקט אויף דעם עם־הארצות, וואָס האָט געהערשט און האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע

יידישע לעבן אין מעלבורן. אָבער דער ייד האָט געפּראַוועט התבודדות, געמאַכט שבת פֿאַר זיך, געוויטאָקט זיין וויטאָק אַליין, אָן קולי קולות און אָן שותפים. צו דער צרת־המדינה, צו דער גראָביונגעשקייט, האָט ער מער קיין רפואה נישט געזוכט. מיט יאוש האָט ער אָנגענומען די ווירקלעכקייט, וואָס איז נישט צו ענדערן, און מיט גרינגשעצונג האָט ער געקוקט אויף די, וועלכע האָבן אַמאָל געפּרוווט אים פֿאַרוואַרפֿן, אַז ער איז צו־עגאָאיסטיש, אַז אים אַרט נישט די פּוסטקייט, וואָס הערשט צווישן דעם יידישן קיבוץ.

דער ייד אָבער, ר' יהושע, אַזוי איז זיין נאָמען געווען, איז שטענדיק געבליבן ביי דעם זייניקן, און אַמאָל מיט אַ גלייכוואָרט, אַמאָל מיט אַ גמרא־פּשטל, האָט ער זיך וויציק אויסגעלאַכט פֿון די נאַרישע טרוימער, וואָס ווילן און האָפֿן אויסצובעסערן דאָס מעלבורנער יידישן לעבן.

און צו דעם געלערנטן און איינגעשפּאַרטן ייד זענען אין אַ געוויסן טאָג אַריינגעקומען דריי יונגלייטלעך, מיט אַ פֿאָרשלאָג, פֿון וועלכן ר' יהושע האָט צוערשט ביטולדיק געלאַכט, שפּעטער — מיט אַביסל פּעפּערדיקייט געשפּאַסט, און צולעצט האָט ער האַסטיק און מיט גוטוויליקן צאָרן אַרויסגעכאַפּט אַ פּאָר פֿונט פֿון קעשענע, מעשה־גביר אַ וואָרף געטאָן דאָס געלט אויפֿן טיש, און מיט פּערלדיקע מליצה־ווערטער האָט ער זיך צעגאָסן: האזינו אמרתי, פֿאַרנעמט מיין זאָגעכץ, איר נאַרישע יינגלעך. כה אמר יהושע, אַזוי זאָגט יהושע, פֿאַרצייכנט אייך מיינע ווערטער. אָט דאָ האָט איר אַ פּאָר פֿונט. אויב איר וועט, ווי איר האָט אייך איינגערעדט, קריגן אָנהענגער פֿאַר אייער „אידעאַל” צו גרינדן אַ יידישע ביבליאָטעק אין מעלבורן; אויב איר וועט קריגן פֿופֿצן „מעמבערס”, וועלכע וועלן איינשטימען צו צאָלן אַ שילינג אַ מאָנאַט, וועל איך אייך אָפּגעבן אָט די פּאָר פֿונט אַלס אַ פֿאָנד פֿאַר „אייער” ביבליאָטעק. איך וועל אייך געבן צוויי שילינג פֿאַר יעדן „מעמבער”, וואָס איר וועט קריגן. איך און מיין פֿרוי וועלן זיך פֿאַרשרייבן אין אייער „חברה”. איך וועל זיך שטעלן צו אייער דינסט, איך וועל זיך





איינשפּאַנען אין אייער וואָגן און אייך העלפֿן שלעפּן די משא. אָבער געדענקט, איר פֿאַנטאַזיאָרן, אַ שווערע משא וועט דאָס זיין, גרויסע טראָפּנס שווייס וועלן פֿון אונזערע פּנימער זיך גיסן, איידער מיר וועלן צו עפּעס אַ שטיקל טאָלק צוקומען. מעלבורן איז ניט גאָמעל, מינסק, אָדער קישינעוו! אָבער איך וועל זיך מיט אייך פֿאַרבינדן, איך וועל איינשטעלן, איך וועל אייך העלפֿן.

שווער, זייער שווער, האָבן די עטלעכע שוואַלבן געאַרבעט אויף צו ברענגען דעם זומער אין דעם פֿאַרגליווערטן יידישן האַריז פֿון מעלבורן. פֿאַרזאַמלונגען זענען גערופֿן געוואָרן דורך מינדלעכע אָנזאָגונגען, און רעדעס זענען געהאַלטן געוואָרן. אין פּריוואַטע הייזער, אין עקסיבישן גאַרטן, אונטערן פֿרייען הימל, זענען די מיטינגען אָפּגעהאַלטן געוואָרן, מיט אַכט, מיט צען, מיט דרייצן און אפֿילו שוין מיט אַכצן אָנוועזנדע. אָבער מיטגלידער, וועלכע זאָלן וויליק זיין אויסצוהאַלטן אַ ביבליאָטעק, אַ לייען־זאַל, דאָס ניין. אַ ביבליאָטעק — מהיכא־תיתא, פֿאַר וואָס נישט? לייענען אַ יידישע צייטונג, נו טאַקע, אדרבא! אָבער זיך פֿאַרשרייבן אַלס מיטגליד און צאָלן — ניין. עפּעס פּאַסט עס נישט, מפּני שיאמרו הבריות. רעוו. ל. און רבי א. וועלן געוויס נישט זיין צופֿרידן מיטן געדאַנק. און צו וואָס טאַקע דאַרף מען עס? וואָס איז, עס פֿעלט יידישקייט אין מעלבורן. ווילט נאָר זיין גוטע יידן, און איר האָט גענוג פּלאַץ ווו דאָס צו דערגרייכן.

אָט זענען שוין געווען צוועלף פּערזאָן, אויף וועלכע מען האָט געקענט רעכענען אַלס זיכערע אונטערשטיצער פֿון אַ ביבליאָטעק, אָבער ווען מען האָט זייערע נעמען געוואָלט אַריינשטעלן אין אַן עפֿנטלעכער ליסטע, איז פֿון די צוועלף געבליבן נישט מער, ווי ניין. עט, וואָס, טויג מיר זיך צו צעקריגן מיט דער „קאָמיוניטי”. איך ווייס, אַ ביבליאָטעק, שבת איז קיין שבת נישט, מען ווערט אָפּגעריסן פֿונם וואָרצל. און ווער האָט עס גאָר צייט פֿאַר אַזעלכע זאַכן. מען קען זיך באַגיין

אַן דעם. נישקשה, מעלבורן קען עקזיסטירן אָן אַ יידישער ביבליאָטעק.

הברה האָט אָבער נישט גערוט. אַרומגעלאָפן פון איין יידיש הויז צו אַ צווייטן, און אויפגעקלערט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מעלבורן מוז האָבן אַ צענטער, ווו דאָס יידישע וואָרט זאָל זיין פריי פון קלעריקאַלן איינפלוס, און אַז דער יידישער געדאַנק, דער יידישער גייסט קען און דאַרף זיך אַנטוויקלען אויסער די ווענט פון דער סינאַגאָגע. עס איז אויך זייער וואַרעם אַפּעלירט געוואָרן צו די מער־פּראָגרעסיווע און געבילדעטע שיכטן פון דער אימיגראַציע־קאָלאָניע. אויף וועלכע דאָס קאָרטנשפּילן האָט געהאַט אַ צעשטערנדיקע און דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג. חברה האָט געוועקט, געמונטערט, געפאָדערט. זיי האָבן פאַרלאַנגט און געפאָדערט און געמאָנט אונטערשטיצונג פון די מער־פאָרטגעשריטענע עלעמענטן, און האָבן אָנגעוויזן אויפן חוב, וואָס אַזעלכע טראָגן לגבי דער צוקונפט פון יידישן לעבן דאָ. מיט עקשנותדיקן און אומדערשעפּלעכן אויסדויער האָבן זיי אָנגעפירט אויפקלערערישע אַרבעט און געוווּנען סימפּאַטיקער פאַר זייער זאַך. און אין אַ שיינעם פרילינגס־טאָג, אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, זענען מיט אַ ברייטקייט און שטאָלצן טריט אומף אַריין צו ר׳ יהושען אין אויפנאַם־צימער די דריי אומדערמידלעכע אַרומיאָגער. און אָן הקדמות, געהייסן זיך דערלאַנגען פיר און דרייסיק שילינג, און טיי מיט פאַרבייסן אַלס פּראָצענט. מיט התלהבותדיקן ענטוזיאַזם האָט איינער פון זיי דערלאַנגט ר׳ יהושען אַ פּאַפּיר מיט אַ צעטל פון נעמען פון זיבעצן פּערזאָן, וועלכע האָבן איינגעשטימט צו ווערן מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וואָס שטרעבט צו גרינדן אַ ביבליאָטעק אין מעלבורן. די אַנדערע צוויי פון דער דעלעגאַציע האָבן נאָך צוגעגעבן, אַז פיל פון די זיבעצן אויסגערעכנטע פּערזאָנען זענען זייער באַגייסטערט פאַרן פּלאַן און האָבן צוגעזאָגט צו העלפן.

ר׳ יהושע האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט, איבערלייענענדיק די נעמען אין דער ליסטע. מיט זיין געוויינלעכן



# די אַנטשטייאונג פון דער „קדימה״

גוטמוטיקן שמייכל האָט ער פילאָזאָפיש די ליסטע געדרייט און געקנייטשט, און אָוועקלייגנדיק דאָס צעטל אויפן טיש, האָט ער, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, געזאָגט: עס שטימט, נצחוני בני, איר האָט מיך מנצח געווען. כאָטש עפּעס בין איך דאָך אין צווייפל, צי עס וועט זיך לאָזן וואָס אויפטאָן. אָבער מיין צוזאָג בלייבט אין פולער קראַפט. און איצט בלייבט איבער די פראַגע, ווי אַזוי צוצוטרעטן צו אַ קאָנקרעטער און פּלאַנמעסיקער אַרבעט.

עס איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן צוזאַמענצורופן די זיבעצן מענטשן און אויסקלייבן אַ צייטווייליקן קאָמיטעט, און ערשט שפּעטער זאָל גערופן ווערן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער די גאַנצע פראַגע זאָל ברייט באַלויכטן ווערן.

אויף דער ערשטער זיצונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן טאַקע ביי ר׳ יהושען אין הויז, זענען געווען אַנוועזנד פערצן פּערזאָן, אַריינרעכענענדיק דעם בעל־הבית און די בעל־הביתטע פון הויז. אַ צייטווייליקער קליינער קאָמיטעט איז אויסגעקליבן געוואָרן, מיט ר׳ יהושע ראָכלין אַלס פאָרזיצנדער, און מר. ה. טאַפּט אַלס סעקרעטאַר. עס איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען „בית ספרים עברי לאומי „קדימה״. דעם נאָמען „קדימה״ האָט פאָרגעלייגט א. ניומאַרק, און מר. ראָכלין האָט באַשטאַנען, אַז דווקא עס זאָל הייסן „בית ספרים עברי לאומי״. און אויך, אַז עס זאָל אַ מגן דוד אַרויפגעשטעלט ווערן איבערן נאָמען.

„בית ספרים עברי לאומי „קדימה״. נישט אַלע גרינדונגס־מיטגלידער זענען געווען איינשטימיק מיטן נאָמען. אַ נאָמען אין העברעאיש מיט אַ מגן דוד פון אויבן, — עס לייגט גלייך דעם שטעמפּל פון ציוניזם, און דאָס קען אָפּהאַלטן נישט־ציוניסטן פון ווערן מיטגלידער. דער נאָמען פון אַזאַ געזעלשאַפט מוז זיין, האָבן אייניקע אָנגעוויזן, אַ ברייטער, נישט קיין באַשרענקטער. מיר דאַרפן האָבן אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, און „בית ספרים עברי לאומי״ איז עלול צו דערווייטערן אַ געוויסן טייל פון אַריינצוקומען.

אָבער צו קיין גרויסע שטרייטן איבער דער נאָמען-פראַגע איז נישט געקומען, ווייל מר. ראָכלין איז באַשטאַנען אויף זיין פאָרגעלייגטן נאָמען, און אַלע האָבן אַנערקענט די נויטווענדיקייט פון אַ פרידלעכן צוגאַנג צו דעם אָנפאַנג פון דער שווערער אַרבעט. יעדער איינער האָט געהאַט דעם הייסעסטן פאַרלאַנג צו זען פאַרווירקלעכט דעם פּלאַן, און האָט אַוועקגעקוקט אום נישט צו שטערן די דערגרייכונג פון ציל.

דעם 26טן דעצעמבער, 1911, איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן דאָס געשעעניש, — אַ יידישע ביבליאָטעק ווערט געגרינדעט אין מעלבורן.

אויף באַרקלי סטריט, קאַרלטאָן, און גריי סטריט, איסט מעלבורן, צוליב דעם איינגעשפּאַרטן און אייזערנעם ווילן פון טרוימער און דענקער — פון איין זייט, און צוליב דעם געזעלשאַפטלעכן הויש פון אַ ייד, אַ בן-תורה — פון דער צווייטער זייט, איז געבוירן געוואָרן די „קדימה".

# אַנטוויקלונג און וווקס

בית ספרים עברי לאומי „קדימה". עס איז דייטלעך און קלאָר באַקאַנט געמאַכט געוואָרן: עס ווערט געגרינדעט אַ געזעלשאַפט, ב. ס. ע. ל. „קדימה", וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו גרינדן אַ ביבלאָטעק און אויפהאַלטן אַ לייען-זאַל. יעדער ייד, וועמען עס אינטערעסירט דאָס יידישע וואָרט, די יידישע קולטור, די יידישע ליטעראַטור און דאָס יידישע בוך; יעדער ייד, וואָס האַלט טייער אָט די קוואַלן אונזערע פון וויסן, וועט קענען אַריינקומען אין ביבליאָטעק און געניסן פון דער גייסטיקער שפּייז. עס ווערט דערוואַרט, אַז יעדער ייד, וועמען עס איז נאָענט דאָס יידישע שאַפן, וועט שטיצן די „קדימה" און העלפן אויפהאַלטן איר עקזיסטענץ. עס איז אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די „קדימה" איז און וועט שטענדיק זיין אַן אומפּאַרטייאיִשע געזעלשאַפט, און אַז איר איינציקער און שטענדיקער ציל איז צו פלעגן די יידישע קולטור

## די אַנטשטייאונג פון דער „קדימה"

און צו באַרייכערן אונזער יידיש לעבן אויפן קולטור־געביט דאָ, אין אויסטראַליע.

די „קדימה"־מיטגלידערשאַפט איז זיך צעוואַקסן. פיל פון די „שונאים" זענען געוואָרן פריינט. מען האָט אָנגעהויבן זיך איבערצייגן, אַז דער טייוול איז נישט אַזוי שוואַרץ, ווי ער ווערט געמאָלן. פיל ערנסטע און פאַרשטאַנדיקע יידן האָבן אָנגעהויבן איינזען, אַז אין מעלבורן איז טאַקע אַביסל „פוסט און לער" — און אַז אַ „קדימה" איז פאַר מעלבורן נישט נאָר ווינטשנסווערט, נאָר אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. און צווישן די מיטגלידער פון „קדימה" האָבן זיך שוין געפונען אָנגעזעענע און זייער ווירדיקע פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג. אפילו דער קלער פון יענער צייט האָט נענטער גענומען זיך רוקן אין דער „קדימה"־ריכטונג און שלום־געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז די „קדימה" איז אַ „יידישע זאַך", און זיי האָבן געגעבן זייער „בלעסינג".

דעם 7טן יאַנואַר, 1912, איז גערופן געוואָרן די ערשטע מאַסן־פאַרזאַמלונג אין האָדפעללאָס האָל, ראַסעל סטריט. ראָבלין, סטאָן, פּרעס, ניומאַרק און דער מחבר פון די שורות, האָבן מיט פייערלעכקייט באַגריסט די גרויסע צאָל אָנוועזנדע און האָבן ברייט און באַריכותדיק זיך אָפּגעשטעלט אויף דער באַדייטונג פון „קדימה" אַלס אַן אינסטיטוציע און וועלכע עס איז „איזמען", אַלס אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ צוועק צו דערהאַלטן דאָס יידישע וואָרט אין מעלבורן.

די שטימונג אויף דער פאַרזאַמלונג איז געווען זייער אַ געהויבענע. אַלע האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז עס ווערט אויפגעטאָן עפּעס גרויסעס, אַז עס ווערט געשאַפן זייער וויכטיקעס, אַז עס ווערט געלייגט דער פונדאַמענט פאַר וויכטיקע קולטור־אויפטוען אין דער צוקונפט, און אַז מעלבורנער יידן זענען אויפגעריכט געוואָרן, די זון איז אויפגעגאַנגען אויף דעם מעלבורנער יידישן הימל.

די באַגייסטערונג פון דער היפשער צאָל אָנוועזנדע איז געווען אומגעהויער גרויס. אַלע האָבן געפילט, אַז מיט דער





גרינדונג פון „קדימה" איז דאָס יידישע מעלבורן אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער וועלט־מאַפּע פון יידיש, און אַז אין דער צוקונפט וועט „קדימה" שפּילן די וויכטיקע ראָלע פון אַ צענטראַל־פּונקט פון אויסטראַליער ייחנטום.

אַ קאָמיטעט איז אויסגעקליבן געוואָרן, אין וועלכן עס זענען אַריין: י. ראַבלין (ע"ה) פּרעזידענט, אַ. סטאָן (ע"ה) וויצע־פּרעזידענט; מרס. י. קירזשנער, קאַסירער; מר. ה. טאַפּט, סעקרעטאַר. קאָמיטעט: אַ. האַלפּערין, ה. הויזי, דער מחבר פון די שורות, אַ. זאַלמאַנאָוו, מ. טאַפּט, נ. מושין (ע"ה), אַ. ניומאַרק (ע"ה), ז. פּרעס (ע"ה), י. קאַץ און מרס. י. ראַבלין.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיקט אין אַן אַטמאָספערע פון פרייד און גרויסן ענטוזיאַזם. דער טרוים איז געוואָרן ווירקלעכקייט, די וויזיע — אַ ווירקלעכקייט.

מען האָט זיך אַ נעם געטאָן מיט אַ הייליקן אימפּעט צו קלייבן געלט אויף איינצושאַפן ביכער. מען האָט זיך אַרומגעוואַלגערט דאָ און דאָרט מיטן ביסל אָרעמקייט, מיט די פאַרהליסטע עטלעכע ביכלעך, וואָס מען האָט צונויפגעשנאָרעט, און סוף־כּל־סוף אַריבער אויף 59 בוירק סטריט, אין אַ הויז פון עטלעכע צימערן. יעדער האָט פלייסיק און מיט אַ וואַרעמען חשק געאַרבעט עפּעס אויפצוטאָן, עפּעס מיטצוהעלפן. ווו נאָר מען האָט געקענט אויסבעטלען ביכער, האָט מען דאָס געטאָן מיט גרויס אייפער. עס איז קיין הילוק נישט געווען וואָספאַראַ ביכער, אַבי ביכער אָנצופילן די געקויפטע שאַפעס. ביז עס וועלן אָנהויבן אָנקומען די באַשטעלטע ביכער פון וואַרשע, פון ווילנע, פון ניו־יאָרק. יעדעס בוך האָט אַ שטיק פרייד אַריינגעבראַכט אין יעדנס האַרץ, באַלויכטן יום־טובדיק יעדעס ווינקל פון דער ביבליאָטעק. הברה האָט געטאַנצט פאַר פרייד, אָנקוועלנדיק פון די שאַפעס, וואָס ווערן אַן אַלץ מער זייער פאַריתומטן אויסזען.

יעדן אָוונט איז מען געקומען זען, צי מען דאַרף עפּעס טאָן: אַ באַנק, אַ טיש פאַרריכטן, אַ צעריסענעם בוך פאַרקלעפּן, פאַרלאַטען. די שבתים און זונטיק־נאָכמיטאָגן זענען די יום־





טובים געווען. צוואַנציק, דרייסיק און אפילו מער אַנוועזנדע, האָבן אַרומגערעדט די נויטן פון דער געזעלשאַפט, פון דער ביבליאָטעק, און נישט־האָבנדיק דערווייל געגוג וואָס צו לייענען, האָט מען דעבאַטירט צייט־פראַגן, גערעדט וועגן נעכטיקע טעג. אָבער די שמחה איז געווען גרויס, — אַן אייגענער ווינקל אין דעם מדברדיקן מעלבורן. יעדן פונט וואָס איז אַריינגעקומען האָט מען באַזונגען, יעדן פונט האָט מען מיט אַ גרויסער הדרה אויפגענומען, נאָך אַ שילינג — נאָך אַ בוך, נאָך אַ פונט — נאָך אַ יידישע צייטונג! צו דער האָפערדיקייט איז קיין גרענעץ נישט געווען.

אויף 59 בוירק סטריט איז אַ יום־טוב געווען. די ווענט, די שאַפעס — מיט ביכער. כאָטש אַ געמיש פון ביליקע ענגלישע ראָמאַנען, אַלטע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור און דייטשע חומשים, מחזורים און משניותן. יאָ, אָט די שאַפעס מיט „ליטעראַטור" האָבן צו יעדן געוווּנקען און גערעדט. און די טישן מיט כל המינים צייטונגען האָבן אָנגעפילט דעם זאַל מיט לעבן. און מענטשן זענען געקומען, געזען און האָבן באַוווּנדערט: אַ ביבליאָטעק אין מעלבורן! מען האָט נישט געגלויבט ביז מען האָט נישט זיך איבערצייגט. און ווען מען האָט געזען, זיך איבערצייגט, האָט מען אָנגעהויבן מיטהעלפן, מיטבויען.

אין די ערשטע מאָנאַטן פון איר עקזיסטענץ האָט די „קדימה" דאָך געהאַט אויסצושטיין שאַרפע רדיפות און פאַרפאָלגונגען מצד מאַנכע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי אויך פון איינפלוסרייכע יחידים. אַ טייל פון דער יידישער עפנטלעכקייט האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם נייעם באַשעפעניש — „קדימה", עפּעס אַ פרעמדס, אַן אונטערגעוואָרפענס, אַן אומבאַשטימטעס. „קדימה" — עס שמעקט מיט פאַרשריט, מיט פראָגרעס, ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אַנטיקעניש דאָס איז, ווער ווייסט, ווי אָט די קדימהניקעס קענען נאָך אַמאָל פאַרשוואַרצן דאָס פּנים. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרפאָלגונג, מיט ליגנס און רכילותן, אַ פּלשתּים עליך שמשון־קאָנוווּלסיע.

„קדימה", — אַ נעסט פון גאָט־לעסטערער, פון סאָציאַ־

ליסטן, אַנאַרכיסטן, און אַז יעדער אָנשטענדיקער ייד מוז דערפֿון זיך אָפּקערן, ווי פֿון אַן אומריינער זאַך, ווי פֿון אַ שרץ טמא. איבערהויפּט האָט פֿון איין שטאָט־ווינקל זיך אַ גאַס געטאָן, ניט נאָר פּעך און שוועבל צו פֿאַרניכטן און אָפּווישן יעדן שפּור פֿון „קדימה". נאָר גאַנצע פּעסער מיט אומריינקייט האָבן פֿון דאָרטן געשטראָמט אויף אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער „קדימה"־אַרבעט, און אויף מענטשן וואָס האָבן זיך פֿאַר דער אַרבעט מקריב געווען.

ווי שטייט אָבער געשריבן „לא אלמן ישראל". פּונקט אַזוי ווי דער קוואַל פֿון בייזוויליקע רכילות האָט זיך געריסן אויף די „קדימה"־וועגן, פּונקט אַזוי האָבן מענטשן זיך געפֿונען אין דעם יידישן מעלבורן, ריינע אָרנטלעכע מענטשן, וואָס האָבן ליידנשאַפֿטלעך פֿאַרטיידיקט די „קדימה". אָבער מיטן וווּקס פֿון סימפּאַטיע פֿון דרויסן, האָבן גלייכצייטיק געוואַקסן ריסן און שפּאַלטן פֿון אינעווייניק. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רייטערייען און שפּאַלטונגען אויפֿן געביט פֿון דער ליניע פֿון „קדימה". צווישן פּרעזידענט און אַ גרויסער צאָל מיטגלידער פֿונם קאָמיטעט האָט זיך געשאַפֿן אַ טיפֿע מחיצה. די מחיצה איז אויפֿגעוואַקסן דער עיקר צוליב דעם פּרעזידענטס פֿאַרלאַנג צו באַפֿרידיקן דעם ווונטש פֿון די יידישע מנדבים און צוליב זיין דיקטאַטאָרישער האַנדלונג.

קיינער פֿון קאָמיטעט האָט נישט געפּרוּווט אַריינברענגען „איזמען" אין דער פֿירונג פֿון „קדימה". קיינער האָט אויך נישט חושד געווען דעם פּרעזידענט אין נישט־ערנסטקייט. אַלע האָבן געשעצט זיין איבערגעגעבנקייט און אָפּפֿערוויליקייט פֿאַר דער „קדימה"ס וווילשטאַנד. אָבער פֿיל דיקטאַטאָרישע טאַטן פֿונם פּרעזידענט, וועלכע האָבן, לויט דער מיינונג פֿון דער מערהייט פֿונם קאָמיטעט, געהאַט אַ שעדלעכע ווירקונג אויפֿן גאַנג פֿון דער „קדימה"־אַנטוויקלונג, און וועלכע האָבן אויך אָפּגעפֿרעמדט געוויסע עלעמענטן פֿון דער „קדימה". אַט אַזעלכע טאַטן האָבן דערפֿירט צו שאַרפֿע שטרייטן און אַרויסטרעטונגען קעגן דעם פּרעזידענט.





די מחיצה צווישן פּרעזידענט און אַ גרעסערער צאָל מיטגלידער פֿון קאָמיטעט איז געוואַקסן און איז פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן, ביז מען איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז אוממעגלעך ווייטער צו אַרבעטן צוזאַמען, און אַז דער בעסטער אויסוועג פֿון דער אומערטרעגלעכער סיטואַציע איז צו ברענגען צו נייע וואַלן. אויף אַ זיצונג פֿונם קאָמיטעט איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, מיט דער צושטימונג פֿון כמעט אַלע אַנוועזנדע, אַז דער גאַנצער קאָמיטעט גיט זיך אָן אין דימיסיע, און אַז אַ ספּעציעלע אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג זאָל גערופֿן ווערן אויסצוקלייבן אַ נייעם קאָמיטעט.

אין יוני, 1912, איז אַ ספּעציעלע פֿאַרזאַמלונג פֿאָרגעקומען אין האָדפֿעללאָס האָל, ראַסעל סטריט, און אַ נייער קאָמיטעט איז אויסגעוויילט געוואָרן, אין וועלכן עס זענען אויך אַריין עטלעכע פֿון די רעזיגנירטע מיטגלידער.

אַלע איבעריקע מיטגלידער פֿון פֿריערדיקן קאָמיטעט האָבן פֿאָרגעזעצט זייער אַרבעט. זייערע לייסטונגען און מיטהילף, און האָבן זיך האַרציק געפֿרייט מיטן וווּקס פֿון דער מיטגלידערשאַפֿט, וועלכע האָט, אין סעפּטעמבער, 1912, ווען די ערשטע אָפֿיציעלע יערלעכע אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג איז געהאַלטן געוואָרן, דערגרייכט נאָענט צו צוויי הונדערט. אַ געדרוקטער באַריכט פֿון דעם יאָר טעטיקייט, ווי אויך אַ באַשטעטיקטער באַלאַנס איז דעמאָלט צו אַלע מיטגלידער אַרויסגעשיקט געוואָרן. (אַ קאָפּיע פֿון דעם באַריכט געפֿינט זיך אין אַרכיוו פֿון „קדימה").

דער צוזאַמענשטעל פֿון דעם ניי־געוויילטן קאָמיטעט, אין סעפּטעמבער, דער אויסזען פֿון דער „קדימה" וואָס איז שוין געווען בלאַס און מטושטש, איז נישט געווען צום האַרצן פֿון די ערשטע גרינדער פֿון „קדימה". אָבער זיי האָבן אַלע קיין איין מינוט נישט אויפֿגעהערט צו אַרבעטן לטובת זייער באַליבטער אינסטיטוציע.

אין משך פֿון די ניין מאָנאַטן וואָס דער יערלעכער באַריכט האָט אַרומגענומען, זענען פֿאָרגעקומען אייניקע קלענערע פֿאַרוויילונגס־אָוונטן אין די ווענט פֿון „קדימה", ווי אויך מיי־

נונגס-אויסטוישן און פאַרטראַגן. אַ גרויסער און אינהאַלטסרייכער מוזיקאַלישער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין דעם, דעמאָלט „דייטשן טורן-פאַראיין", אויף וויקטאָריע פּאַרייד, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַ באַדייטנדע סומע געלט פאַר „קדימה"-באַדערפענישן.

* * *

אַ מאָנאַט שפּעטער נאָך דער יערלעכער פאַרזאַמלונג האָט דער שרייבער פון די שורות פאַרלאָזן אויסטראַליע. און ווען ער איז אין נײַן מאָנאַטן אַרום צוריקגעקומען — — — — — —

# ירידה

אויף די חורבות פון „קדימה" האָט די שכינה אַ פאַרצערטע אַרומגעברוויזט און איכה ישבה בדד געזונגען: „איכה יועם זהב כתם אופיר". „קדימה" איז צו דער ערד געלעגן. מיט קאַלטן יאוש האָבן זיך באַצויגן די בעסטע מיטגלידער און קעמפער פאַר דער „קדימה", און דערווייטערט זענען געווען אירע איבערגעגעבנסטע פאַרערער. עס האָט אונטער דעם נײַעם „קדימה"-דאַך, אויף 313 דראַמאָנד סטריט, קאַרלטאָן, שוין דעמאָלט זיך ניט געזונגען מיט יענער פריידיקער, האַרציקער נחתדיקייט, ווי אויף 59 בוירק סטריט.

אין 1921, ווען דער שרייבער פון די שורות האָט צוריק באַהעפטן זיך געוואָלט מיט דער פרייד פון „קדימה"ס אויפגאַנג -- אויף 59 בוירק סטריט, האָט שוין אָבער „קדימה" — אויף 313 דראַמאָנד סטריט, פון זיך אָפּגעשטויסן, געיאָגט און געטריבן.

אויף 59 בוירק סטריט איז געווען אויפשטייג, עקסטאַז און אויפשוווּנג. אויף 313 דראַמאָנד סטריט איז געווען ירידה, נעפּאַלנקייט, אונטערגאַנג, נשמה-אויסהויך.

אין משך פון דער גרויסער וועלט-מלחמה איז די ירידה געקומען. דער ווייטער יידישער ישוב איז אָפּגעשניטן געוואָרן





פון דער וועלט. דער טעמפּער געוועראָפּקלאַנג האָט פאַרטויבט און פאַרהילכט יעדן מורמל פון קולטור און יעדע בענקשאַפט נאָך וויסן. די מלחמה-יאָרן האָבן אונטערגעגראָבן די עקזיסטענץ פון דער „קדימה". „קדימה" איז געוואָרן בלוט-אָרעם, מאַרך-אָרעם, אַ לעבעדיקער מת. און עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן צוזאַמענגעפּאָרט דעם נוטה-למות מיט אַ צווייטן בר-מות, וואָס האָט אויך שוין געהאַלטן ביי יציאת נשמה. צוויי מתים זענען געגאַנגען טאַנצן, — די „קדימה" און די ציוניסטישע „התחיה".

געשלאָסן איז דער שידוך געוואָרן, לויטן אַרכיוו, אין 1919. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין פּאַסנדער שידוך. אין דעצעמבער, 1921, האָט זיך דאָס שוין גאַנץ בולט אָנגעזען. אויף די אָוונטן און קאָנצערטן, וואָס זענען דעמאָלט איינגעאָרדנט געוואָרן, האָט מען שוין קיין שום סימן פון „קדימה"ס קולטור-שטרעבונגען נישט געקענט באַמערקן. עס זענען שוין דעמאָלט געווען קאָנצערטן „דזשאַסט טו געט דהי קראַאוד". אָבער קולטור, ערנסטקייט און מיינונגס-אויסטויש, יידישע ליטעראַטור און וויסנשאַפט, וואָס די „קדימה" האָט אויף איר פאָן אָנגעצייכנט, פון דעם אַלעם איז שוין כמעט קיין שפור נישט געווען צו געפינען. די גרויסע צאָל ביכער, וואָס די „קדימה"-שאַפעס האָבן אויף זייערע פּאָליצעס אויפגעהאַלטן איז איינגעשרומפּן; און אין דעם ביכער-קאַטאַלאָג זענען לעכער געוואָרן, זענען ליידיקע זייטן געבליבן. די מלחמה-יאָרן האָבן זייער שטעמפּל געלייגט, זייערע צייכנס געלאָזן.

אַלטע גוטע פריינט פון „קדימה" און נײַע צוגעקומענע פריינט האָבן צוגעקוקט דעם חורבן „קדימה" מיט טיפן ווייטאָג, און האָבן געזוכט וועגן ווי צו ראַטעווען פון דער צופאַלנקייט דאָס, וואָס עס וועט זיך לאָזן ראַטעווען. אויך די „התחיה"-פריינט האָבן קיין נחת נישט געשעפּט פון דעם פאַראומגליקטן פאָרפאָלק.

„התחיה", די איינציקע ציוניסטישע געזעלשאַפט אין מעלבורן, אין יענע צייטן, האָט קיין צופיל פריינט נישט געקענט

ציציען, זייענדיק פארבונדן מיט דער אפיקורסישער „קדימה". און א גרויסע צאל פון „התחיה"־מענטשן, ווארעמע, אויפריכטיקע ציוניסטן, האבן אין דער פארבינדונג געזען א גרויסע שטערונג צו א דערפאלגרייכער ציוניסטישער טעטיקייט. מען האט געארבעט, געטריי און איבערגעגעבן געארבעט, אבער אז דער זיווג איז געווען נישט מן השמים, האט מען קיין מזל־ברכה נישט געזען אין דער ארבעט. און מען האט אנגעהויבן מורמלען וועגן א גט. פריער מורמלען, אונטערברומען, ביז מען איז ארויס אויפן הויכן קול — א גט. דער יידישער קיבוץ וואקסט, די אימיגראציע ברענגט פרישע כוחות, מען קען פיל, זייער פיל אויפטאן אויפן קולטור־געביט. „קדימה" האט אירע אויפגאבן, „התחיה" האט אירע אויפגאבן,ביידע האבן בארעכטיקונגס־עקזיסטענץ, צוזאמען אבער קענען ביידע גארנישט אויפטאן, — א גט! — דער בעסטער, דער פראקטישסטער אויסוועג, א ברכה פארביידן.

אין 1926 איז דאס שותפות פאנאנדערגעטיילט געווארן, „קדימה" פאר זיך, „התחיה" פאר זיך.

## תחית המתים

„קדימה" האט זיך גענומען אפשאקלען פון שטויב, וואס די יארן פון ירידה האבן אויף איר אנגעווייעט. פון די פאליצעס מיט ביכער האבן די טרייע „קדימה"־בויער גענומען יאגן די זילבער־פיש, און רייניקייט און ארדנונג איינגעפירט. איבערהויפט איז געווידמעט געלייגט געווארן אויף דעם ווערט און ניווא פון די פראגראמען אויף די זונטיק־אוונטן, וועלכע זאלן זיין ווירדיק און צוציענד. א קאמיטעט, א „קדימה"־קאמיטעט, איז געוויילט געווארן, מיט ש. ווין אלס פרעזידענט. דער קאמיטעט האט זיך געשטעלט אלס זיין הייליקסטן חוב צוזאמענצוברענגען אונטער דער „קדימה"־פאן אלע די יעניקע, וואס דענקען און פילן אין דער „קדימה"־ריכטונג. און אזעלכע זענען שוין דעמאלט געווען זייער און זייער פיל. אלענפאלס, אזוי האבן געמיינט די, וואס האבן זיך געשטעלט ביי דעם „קדימה"־רודער.





די ביבליאטעק איז איבערגעגעבן געווארן פאראנטווארטלעכע און ערנסטע חברים, וואס האבן זייער ארבעט אויסגעפירט מיט ענערגיע און ליבשאפט. א נייער קאטאלאג איז צוזאמענגעשטעלט געווארן, און פיל מי און צייט איז אפגעגעבן געווארן אויף צוזאמענצונעמען און צוזאמענצוזוכן די ביכער, וועלכע זענען געווען ארויסגעבארגט. די ביבליאטעק און דער לייען־זאל זענען געווען אפן נאר זונטיק אוונט, און די צאל לייענער איז געווען גאנץ באדייטנדיק. די צייטונגען פון ווארשע, ווילנע, ניו־יארק, ירושלים און אנדערע יידישע צענטערס האבן א גרויסע צאל לייענער צוגעצויגן.

דער באזוך אויף די איינגעארדנטע זונטיק־אוונטן איז געווען אפהענגיק פון דעם פראגראם פון אוונט. אויף א קאנצערט אדער א ליטעראריש־מוזיקאליש־וואקאלן אוונט איז דער זאל געווען איבערפולט. בעת א פארטראג איז שוין דער באזוך געווען אפהענגיק פון דער טעמע און פון דעם נאמען פון פרעלעגענט. די פארטראגן, פארשטייט זיך, זענען מערסטנס געווען אין דער ענגלישער שפראך, ווייל זייער ווייניק יידישע פרעלעגענטן זענען דעמאלט געווען, וואס זאלן קענען פאראינטערעסירן אן עולם.

די שטימונג פון דער „קדימה"־מיטגלידערשאפט איז געשטיגן מיטן באפרייען זיך פון דעם שותפות. אן אייגענער ווינקל, אן אייגענער פרצוף, אן אייגענע אומאפהענגיקע פירונג. עס איז ליב, עס איז צום הארצן. אן עמוד פאר זיך, מען קען דאווענען אויפן אייגענעם שטייגער, אייגענעם נוסח.

די „קדימה"־מיטגלידערשאפט איז אבער ניט געוואקסן אין דער פראפארציע, ווי מען האט געהאפט, ווי עס איז דערוואַרט געווארן. עפעס איז געווען אזעלכעס וואס האט פיל, פיל יידן, פרישע יידן, ניי־געקומענע יידן, געהאלטן ווייט פון „קדימה". און די מיטגלידערשאפט איז א לאנגע צייט געשטאנען אויף איין שטופע. די פארוואלטונג האט געזוכט מיטלען ווי צוציען אנהענגער, אריינצוברענגען פריש בלוט און פארברייטערן די ארבעט אויף א גרעסערן מאסשטאב. עס זענען נישט געשפארט געווארן קיין מי און קרעפטן צו צעאקערן דאס פעלד, צו פארזייען קער־

נער, אָבער די קערנער זענען נישט אויפגעגאַנגען, נישט אַרויסגעשפּראָצט. די צענדליקער, די הונדערטער ניי־צוגערייזטע יידן זענען מערסטנס געשטאַנען פון דערווייטנס, האָבן זיך ניט דערנענטערט צו „קדימה". עפּעס ווי אַ געהיימע האַנט, אָדער אַ בייזער שפּרוך וואָלט פיל צוריקגעהאַלטן פון אַריינטרעטן אין די „קדימה"־רייען, כדי צו העלפן דעם קולטור־בוי. דעם קולטור־בנין, כאָטש די גרעסטע צאָל פון אָט די צוריקגעהאַלטענע האָבן אָנערקענט די „קדימה" אַלס דעם וויכטיקסטן יידישן קולטור־צענטער אין מעלבורן.

דער ווידערגעבורט פון „קדימה" האָט אָבער שטאַרק געווירקט אויף די לאַנג־יעריקע „קדימה"־פריינט, וועלכע זענען געווען באַגייסטערט שוין פונם געדאַנק אַליין, אַז „קדימה" איז ווידער אַ זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע, מיט אַן אייגענער פיזיאָנאָמיע, און קען פירן איר טעטיקייט אַלס אַ ריין־אומפּאַרטייאישע קולטור־געזעלשאַפט, און זיי האָבן איר געשענקט זייער פולע סימפּאַטיע און געאַרבעט פאַר איר וווילזיין.

## אויפשטייג און פאַרנעם

אינם לעבן פון „קדימה" האָט מיט פרישקייט אָנגעהויבן זיך באַוועגן אַ גייסט פון מוטיקייט און דערהויבנקייט. „קדימה" האָט פאַרגעזעצט איר אַרבעט. די אַנטיפּאַטיע פון דעם נייעם אימיגראַציע־שטראָם צו דער „קדימה", אָדער צו דער פירונג פון „קדימה" האָט זיך געבראָכן און שוואַך געוואָרן. „קדימה" האָט אַריינגעקראָגן אין אירע רייען אינטעליגענטע כוחות און ענערגישע מיטהעלפער פאַר איר קולטור־אַרבעט. יידיש טעאַטער, בעסער יידיש טעאַטער, האָט געווירקט ווי אַ קולטור־פאַקטאָר. יידיש טעאַטער איז אַפילו אין מעלבורן שוין געשפּילט געוואָרן אין 1911, און פון דעמאָלט אָן זענען יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען געווען אָפטע דערשיינונגען. אָבער קיין קינסטלעריש טעאַטער איז דאָס קיינמאָל נישט געווען און, עס האָט קיינמאָל נישט פּרעטענדירט צו זיין.



## די אַנטשטייאונג פון דער „קדימה"

אין „קדימה" גופא זענען אין די פריערדיקע יאָרן אויך געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אויפן טעאַטער־געביט. ווען די „קדימה", אַלס אַן אומאָפּהענגיקע אינסטיטוציע, האָט זיך שוין אַביסל געהאַט איינגעפונדעוועט און זיך פאַרפעסטיקט, האָט זיך שוין דעמאָלט שטאַרק דערפילט די נויטווענדיקייט פון אָט דעם וויכטיקן קולטור־צווייג — יידיש טעאַטער. און דער קאָמיטעט האָט מיט דער פולער מאָס פון אָנערקענונג געשטיצט דעם „קדימה דראַמאַטישן קרייז", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ קורצער צייט פאַר דער „צעטיילונג", און וועלכער האָט זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע און הויב אויסצופירן יידיש טעאַטער פון דעם בעסערן מין. דאָס ערשטע טעאַטער־שטיק, אויפגעפירט דורך דעם ניי־געגרינדעטן קרייז, איז געווען „צעזייט און צעשפּרייט" פון שלום עליכם. שפּעטער האָט מען אויפגעפירט פּיעסן פון דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין, יעקב גאָרדין און אַנדערע יידישע דראַמאַטורגן. איינאַקטערס זענען אויך זייער אָפט געשטעלט געוואָרן. יעדע טעאַטער־פאָרשטעלונג איז גוט באַזוכט געוואָרן, און דאָס האָט דערמוטיקט די טעאַטער־אָנפירער און געוועקט צו ווייטערדיקע אויפטוען, און די „קדימה"־פאַרוואַלטונג האָט געהאָלפן דער דראַמאַטישער סעקציע פאָרצוזעצן איר אַרבעט.

אַ „קדימה־פרויען־פאַראיין" איז צוזאַמענגעקומען, וואָס איז באַשטאַנען פון פרויען פון מיטגלידער. וואָס האָבן פיל געלייסטעט פאַר דער „קדימה". אָן טומעל, אָן רעש, האָבן זיי יאָרן־לאַנג געאַרבעט, העלפנדיק אין דער דערהאַלטונג פון „קדימה".

אַ „קדימה־יוגנט־סעקציע" האָט זיך אויסגעטיילט, מערסטנס קינדער פון מיטגלידער. און זיי, די יוגנטלעכע, האָבן אָנגעפירט אַ טעטיקייט לויט זייער באַגריף און באַנעם, און זייער אָפט, אונטער דער פירנדיקער האַנט פון עלטערע מיטגלידער פון „קדימה", וועלכע האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון דער יוגנט.

די יוגנט־סעקציע האָט אָבער נישט געהאַט קיין אריכות־ימים. און ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אַ סעקציע רע־

אָרגאַניזירט געוואָרן אויף מער פונדאַמענטאַלע יסודות און מיט א מער פאַראַנטוואָרטלעכער אָנפירונג.

א כאָר איז אָרגאַניזירט געוואָרן, אָדער, בעסער געזאָגט, א כאָר איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן, ווייל א „קדימה”־כאָר האָט שוין פריער עקזיסטירט. און דער כאָר האָט זיך באַטייליקט, כאָטש נישט זייער אָפט, אין מוזיקאַליש־וואָקאַלע אָוונטן, איינגעאָרדנט אין דער „קדימה”־געביידע.

א „קדימה־מוזיקאַלישער קרייז” איז צושטאַנדגעקומען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון געניטע מוזיקער־פאַכלייט. דער קרייז האָט געהאַט דעם צוועק איינצואָרדנען קאָנצערטן פון יידישער מוזיק, שאַפונגען פון יידישע קאָמפּאָזיטאָרן. און גראַנד־קאָנצערטן, צוויי־דריי א יאָר, זענען דורך דעם מוזיקאַלישן קרייז פאַראַנשטאַלטעט געוואָרן אין שטאַטישע זאַלן, וועלכע האָבן צוגעצויגן א מענגע יידן, וואָס האָבן פון „קדימה” נישט געוווּסט און ניט געוואָלט וויסן. די גראַנד־קאָנצערטן האָבן שטענדיק שטאַרק אויסגענומען מיט זייערע זאָרגפעלטיק און פאַרזיכטיק־צוגעקליבענע פּראָגראַמען.

„קדימה” איז געוואַקסן, ווען נישט אין כמות, יעדנפאַלס אין איכות. „קדימה” האָט רעאַגירט אויף יידישע וועלט־געשעענישן, זיך שטענדיק צוגעהערט צו דעם פולס פון דער אויסערלעכער וועלט. און „קדימה” האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען א מער בכבודיקן פּלאַץ אין היגן יידישן לעבן. 313 דראַמאָנד סטריט איז געוואָרן דער אומאָפיציעלער אַדרעס פון קאַרלטאָנער יידנטום. די אַלץ מער און מער צוגערייזטע יידן האָבן שוין דער „קדימה” אָפּגעגעבן מער אויפמערקזאַמקייט, גאָר פיל האָבן איר געמאַכט פאַר זייער קולטור־היים. און די גרעסטע יידישע אינסטיטוציעס פון שטאָט האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף דער „קדימה” ווי אויף א רעפּרעזענטיווער קערפּערשאַפט.

313 דראַמאָנד סטריט האָט אָנגעהויבן ווערן צו־ענג. זייער אָפט איז אין די זונטיק־אָוונטן געווען אוממעגלעך אפילו אויף די טרעפּ צו געפינען פּלאַץ צו שטיין און זיך צוהערן צו א פאַרטראַג אָדער פאַרלעזונג, קאָנצערט אָדער ליטעראַרישן אָוונט.





און אַזעלכע מוזיקאַליש־ליטעראַרישע אָוונטן זענען שוין געוואָרן אָפטע פאַסירונגען. פסח־אָוונט, שבועות־אָוונט, סוכות־אָוונט, פורים־אָוונט. אַלע אַזעלכע איינגעאָרדנטע אָוונטן זענען שטענדיק באַזאָרגט געווען מיט פּראָגראַמען פון ליטעראַריש־מוזיקאַלישער פאָלקסטימלעכקייט און ספּעציעלע פּראָגראַמען צוגעפּאַסט צו די באַטרעפנדע יום־טובים. אין משך פון יאָר זענען פיל ליטעראַריש־מוזיקאַליש־וואָקאַלע אָוונטן פאָרגעקומען. די ענגשאַפט אין דעם קליינעם „קדימה”־זאַל האָט זיך געפילט אַלץ מער. מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן אומצופרידנקייט און האָבן געפאָדערט, אַז עס זאָל, אַז עס מוז עפּעס געטאָן ווערן צו לינדערן דעם דוחק אין פּלאַץ. און די פאַרוואַלטונג האָט זיך וועגן דעם פאַרטראַכט און גערופן אינמיטן יאָר א מאַסן־פאַרזאַמלונג. קומט יידן און גיט אַן עצה! די משפחה פאַרגרעסערט זיך, די ווענט פון 313 דראַמאָנד סטריט קען מען נישט פאַנאַנדעררוקן, גיט אַן עצה וואָס צו טאָן, אָדער גיט געלט און מיר וועלן שוין זען וואָס מען קען טאָן.

עס האָבן זיך געפונען עטלעכע קלוגע צווישן די מיטגלידער פונם קאָמיטעט, וועלכע האָבן צוגעגרייט די רפואה פאַר דער מכה. מען האָט איינגעלאַדן א יידן א נדבן, א פריינט פון „קדימה” פון גאָר די ערשטע יאָרן, וואָס איז געווען פּרעזידענט פיר יאָר נאָך יהושע ראָכלין, ווען די „קדימה” איז נאָך געווען אין די „וויקעלעך”. אָט דעם ייד, מר. מ. זעלטנער, האָט מען איינגעלאַדן אויף דער מאַסן־פאַרזאַמלונג: קום, ברודערקע, זע און הער, פאַרנעם אונזער געבעט און צעעפן דעם טייסטער. און עס האָט געהאָלפן, דער ייד איז אַרויס מיט דער מטבע. איך זע — האָט ער, מר. זעלטנער, געזאָגט — אַז אייך איז ענג. איך הער פון אייערע דרשות, אַז איר קענט, אַז איר דאַרפט וואַקסן, און איך וועל מאַכן א „סטאַרט” און זאָל מיין „ליטל דאָנייישאָן” זיין א מזל־ברכה. מר. זעלטנער האָט צוגעזאָגט א טשעק אויף צוויי היינדערט מיט פופציק פונט, אַלס אַן אָנהויב פון א בוי־פאָנד צו בויען א היים פאַר דער „קדימה”. עס האָבן זיך געפונען מיטגלידער אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָס האָבן

נאָכגעפאָלגט מר. זעלטענערס ביישפּיל מיט גאַנץ היפשע סומען, און אין איניקע מאָנאַטן ארום איז אַ פלאַץ געקויפט געוואָרן, פאַר וועלכן עס איז באַצאָלט געוואָרן ניין הונדערט מיט פופציק פונט אין מזומן געלט

אַ שמחה מיט אַ גדולה, — אַן אייגענער פלאַץ, און מען האָט געהאָפט, אַז גאָר אינגיכן וועט מען בויען אַ בנין.

אָבער אויפן פלאַץ איז געוואַקסן גראָז, פערד האָבן זיך דאָרט געפאַשעט, און די „קדימה"־מיטגלידער האָבן זיך דער־ווייל נאָך אַלץ געשטופּט אין דער ענגשאַפט אויף דראַמאָנד סטריט און געוואַרט, און זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף אַן אייגענעם בנין.

עס זענען אַזוי אַוועק אַ פּאָר יאָר, און אַדאַנק דער גרויסער נדבה פון צוועלף הונדערט מיט פופציק פונט, וואָס מר. מ. גראָסבי האָט געשענקט אויף צו בויען אַ געביידע, צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי ציליע, אַ לאַנגיעריקער און איבערגעגעבענער מיטגליד פון „קדימה". אַדאַנק דער נדבה שטייט איצט אַ שיינע געביידע אויף לייגאָן סטריט, נאָרט קאַרלטאָן, וועלכע רופט אַרויס כבוד ביי דער גרעסטער טייל יידן פון מעלבורן, און באַוואונדערונג פון יעדן יידישן באַזוכער פון אַנדערע שטאַטן און פון אויסלאַנד.

דעם 25טן סעפּטעמבער, 1932, איז דער גרונטשטיין גע־לייגט געוואָרן, און זונטיק, דעם 25טן מערץ, 1933, איז מיט גרויס ענטוזיאַזם געעפנט געוואָרן דער פּרעכטיקער בנין — די נייע „קדימה"־היים אויף לייגאָן סטריט.

די גרויסע מתנה פון מר. גראָסבי האָט מעגלעך געמאַכט צוצוטרעטן צו דער אויסאַרבעטונג פון די בוי־פּלענער, און די קלענערע סומען געלט, מאַנכע אין הונדערטער און פופציקערס, האָבן געהאָלפן צו רעאַליזירן די פּלענער און אויסשטעלן די געביידע, וועלכע האָט געקאָסט ארום פינף טויזנט פונט. אַלע האָבן געגעבן, און מיט חדוה געגעבן. די דערעפנונג איז געווען אַ זייער פייערלעכע, און דער עולם, פינף הונדערט אין צאָל,





איז געווען שטאַרק באַגייסטערט, — „קדימה" האָט אַן אייגענע היים, די יידישע קולטור האָט אַן אייגן ווינקל.

* * *

מיינע זכרונות פון דער „קדימה" וואָלטן נישט געווען פול, ווען מיר זאָלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף די גרויסע פאַר־דינסטן פון דעם פאַרשטאָרבענעם א. נ. בר־כהן, וועלכער איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דער „קדימה" און איז גע־שטאַנען לאַנגע יאָרן ביי דער לייטונג און האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון אונזער אינ־סטיטוציע. טיף זענען איינגעקריצט אין אונזער זכרון די אינ־האַלטסרייכע אָוונטן, אויף וועלכע ער האָט זיך געטיילט מיט אונז מיט זיינע ערנסטע, טיף־אַדורכגעטראַכטע ליטעראַרישע עסייען. ער איז געווען אַן אידעאַליסט, אַ טיפער קולטור־מענטש, און זיין אָנדענק וועט שטענדיק בלייבן צווישן אונז.

* * *

אין דער „קדימה"־געביידע זענען זינט דער דערעפנונג פאָרגעקומען גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען וועגן פאַרשידענע פּאַ־סירונגען און געשעענישן אין יידישן לעבן. אין „קדימה" האָבן שוין אַ גרויסע צאָל יידישע פּערזענלעכקייטן מיט וועלט־נעמען געהאַלטן פאָרטראַגן. מוזיקאַלישע קאָנצערטן, וואָס זענען גע־שטאַנען אויף אַ הויכן קונסט־ניוואָ זענען איינגעאָרדנט געוואָרן, צווישן זיי איין אָרקעסטער־קאָנצערט מיט 23 אָנטיילנעמער. אַ פּאָר מוזיקאַלישע קאָנצערטן זענען פון דער „קדימה"־געביידע איבערגעגעבן געוואָרן דורך ראַדיאָ.

עס האָבן אין „קדימה" שוין אויך געהאַלטן פאָרטראַגן אָנגעזעענע אויסטראַלישע פּערזענלעכקייטן.

פיל טעאַטער־שטיק פון אַ ליטעראַרישן ווערט זענען אויף דער „קדימה"־בינע אויפגעפירט געוואָרן, מיט וועלכע דער „קדימה דראַמאַטישער קרייז" קען זיך גרויסן.

צווישן די ווענט פון „קדימה" איז אויך געבוירן געוואָרן

די ערשטע יידישע שול, געגרינדעט דורך דעם דיכטער, מלך ראַוויטש. די „קדימה"־געביידע — אַ צענטער פון יידישן קולטור־לעבן. „קדימה" פאַרנעמט דעם בכבודיקסטן פלאַץ אין דער מעלבורנער יידישער געזעלשאַפט, און מיט רעכט קען זי פּרעטענדירן צו זיין דער נערוו פון מעלבורנער יידישן לעבן.

*   *   *

דרייסיק יאָר „קדימה", דער שטאָלץ פון מעלבורנער יידן! דרייסיק יאָר „קדימה", דער תענוג און דער נחת פון די נאָך ניט עליהם־השלומדיקע גרינדער פון „קדימה".

מעלבורן, מערץ, 1942.



# צוויי יידישע קהלות

## צו דער געשיכטע פון די יידן אין דרום־אויסטראַליע און וויקטאָריע

———o———

פון

## הערש מינץ

———o———

## אַריינפיר

דרום־אויסטראַליע איז די יחסנטע צווישן די אויסטראַליער שטאַטן. דער יחוס באַשטייט אין דעם, וואָס דרום־אויסטראַליע איז דער איינציקער שטאַט, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין פאַרשיקטן אָדער פאַרברעכער־עלעמענט צווישן די ערשטע קאָלאָניסטן.

אויסטראַליע, ווי באַקאַנט, איז אין אָנהויב געווען אַן אויפנאַם־פּלאַץ פאַר דעם פאַרברעכער־עלעמענט פון גרויס־בריטאַניע. ענגלאַנד האָט אין משך פון 18טן יאָרהונדערט געהאַלטן אין איין שיקן אירע פאַרברעכער און אַנדערע ניט־געווונטשענע עלעמענטן קיין אַמעריקע, וועלכע האָט — פון 1717 ביז 1782 — דאָס יאָר פון אָנטגילטיקער באַפרייאונג פון ענגלאַנד נאָך דער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט — אויפגענומען ניט ווייניקער ווי 50,000 פאַרשיקטע. נאָכדעם אָבער, ווי אַמעריקע האָט זיך אָפּגעריסן פון ענגלאַנד, האָט זיך געשאַפן גאָר אַ שאַרפער פּראָבלעם: וואָס טוט מען טאָן מיט די פאַרברעכער, וועלכע האָבן איבערפולט די טורמעס פון ענגלאַנד?

סער דזשאָזעף בייאַנקס, וועלכער האָט באַגלייט קאַפּיטאַן קוק אויף זיין ערשטער רייזע קיין אויסטראַליע, האָט פאָרגע־